**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אינהאלטסרייכע סטעיט שריט צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם**

***סטעיט אנטי-האסע אין עדיוקעישאן צענטער און יערליכע צוזאמקום וועט ארבעטן אינאיינעם מיט אנשטאלטן און ארגאניזאציעס צו באקעמפן האסע און לייגן געוויכט אויף אנטיסעמיטיזם***

***סטעיט דיוויזיע פון מענטשליכע רעכטן וועט נעמען שריט צו פארבעסערן האסע און נגיעות אינצידענט זאמלונג פון אינפארמאציע***

***אפיס פון וויקטים סערוויסעס וועט פארברייטערן הילף פאר וויקטימס פון אנטיסעמיטיזם דורך גרינגער מאכן די וויקטים פארגוטיגונג אפליקאציע***

***ווידער-עפענונג פון ניו יארק סטעיט פאליציי געזעץ אינפארסירונג געווידמעט פאר האסן פארברעכן אויספארשונג סעמינארן***

***אפיס פון גייסטישע געזונטהייט עפנט קאמפיין צו אנערקענען די אייגנארטיגע פראבלעמען ארום אידישע אמעריקאנערס' גייסטישע געזונטהייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אן אינהאלטסרייכע סטעיט שריט צו ווערן גענומען צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם. גאווערנער האקול האט געמאכט די אנאנסירונג ביי די צענטער פון אידישע היסטאריע, מאכנדיג ניו יארק סטעיט דאס ערשטע סטעיט צו רעאגירן צו פרעזידענטביידען'ס נאציאנאלע פלאן צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם. די גאווערנער האט אויך געמאלדן דאס עפענונג פון די ניו יארק סטעיט אנטי-האסע אין עדיוקעישאן צענטער און יערליכע צוזאמקום וואס וועט באקעמפן האסע, שאפנדיג א זיכערע און געמיינזאמע רעגירונג, און לייגן געוויכט אויף אויסראטן אנטיסעמיטיזם. נאכמער, האט די סטעיט דיוויזיע פון מענטשליכע רעכטן אנאנסירט פלענער צו פארבעסערן דאס האסע און ראסע אינצידענט זאמלונג פון אינפארמאציע און עפענען די אגענטור'ס ערשטע קליינע גרענטס פראגראם פאר קאמיוניטי אנטי-נגיעות ארבעט. די אפיס פון וויקטים סערוויסעס ארבעט צו פארברייטערן הילף פאר וויקטימס פון אנטיסעמיטיזם דורך גרינגער מאכן די וויקטים פארגוטיגונג אפליקאציע, זיי צו ערלויבן צוטריט צו פארגוטיגונג. אויך, וועט די ניו יארק סטעיט פאליציי ווידער עפענען געזעץ אינפארסירונג געווידמענטע האסן פארברעכן אויספארשונג סעמינארן. די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט האט געעפנט די 'ספאטליין אויף אידישע קאמפיין' צו אנערקענען די אייגנארטיגע פראבלעמען ארום אידישע אמעריקאנערס' גייסטישע געזונטהייט.

"אלץ גאווערנער פון די סטעיט מיט די גרעסטע אידישע באפעלקערונג אינדרויסן פון מדינת ישראל, פיל איך אן ערנסטע פאראנטווארטליכקייט צו באשיצן און אונטערהייבן ניו יארק'ס לעבהאפטיגע, פארשידנארטיגע אידישע קאמיוניטיס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "קיינער זאל נישט דארפן מורא האבן פאר זייער זיכערהייט ווען זיי גייען צום ארבעט, גייען אין שולע, אדער שפאצירן בלויז אין די

גאסן. עס איז אלעמאל געווען מיין גרעסטע פריאריטעט צו האלטן די מענטשן פון ניו יארק פארזיכערט, און מיר וועלן ווייטער נעמען שריט צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם און נוצן יעדע געצייג וואס מיר האבן צו אויסראטן האסע און נגיעות פון אונזערע קאמיוניטיס."

"ניו יארק איז געווען א פירער ווען עס איז געקומען צו פארשידנקייט, אחדות, און פארנעמנקייט," **האט ליוטענענט גאווערנער דעלגאדאו געזאגט.** "מיר זען שטאלץ צו פארזעצן מיט די מסורה דורך ווערן די ערשטע סטעיט אינעם לאנד צו רעאגירן צו פרעזידענט ביידען'ס נאציאנאלע פלאן צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם און אויסראטן האסע. מיר וועלן פירן מיט ליבשאפט און בויען שטערקערע, מער פארזיכערטע, און מער בע'אחדות'דיגע קאמיוניטיס אינעם פראצעור."

**ניו יארק סטעיט אנטי-האסע אין עדיוקעישאן צענטער און יערליכע צוזאמקום**

גאווערנער האקול אנערקענט די וויכטיגקייט פון נוצן ניו יארק סטעיט'ס געמיינזאמע וויסנשאפט און קענשאפט צו באקעמפן האסע אין 2023. די גאווערנער'ס אפיס וועט אוועקשטעלן די ניו יארק סטעיט אנטי-האסע אין עדיוקעישאן צענטער, וועלכע וועט צוזאמענברענגען אלע סטעיקהאלטער, ווי א גרופע וואס ארבעט צוזאמען, פון א סעריע פארטנער אנשטאלטן און ארגאניזאציעס, אריינרעכענענדיג די סיטי יוניווערסיטי פון ניו יארק, די סטעיט יוניווערסיטי פון ניו יארק, די ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט, און די קאמיסיע אויף זעלבסטשטענדיגע קאלעדזשעס און יוניווערסיטעטן (Commission on Independent Colleges and Universities, CICU) כדי צו באקעמפן האסע, און מאכן מער א זיכערע, אחדות'דיגע, און גלייכע קלימאט פאר אלע ניו יארקער.

דורכאויס די קומענדיגע יאר, וועט די פאקוס פון די ניו יארק סטעיט אנטי-האסע צענטער און איר ערשטע יערליכע צוזאמקום באשטימט אויף זוממער 2024, זיין אנטיסעמיטיזם. די צענטער וועט זיך שלאגן מיט נאך האסע פראבלעמען אויף אן אנגייענדן פארנעם. איינע פון די ערשטע צילן פון די צענטער איז צו אפטייטשן האסע און איר ווירקונג אויף עדיוקעישאן. די ציל פון די צענטער איז צו אדרעסירן וויאזוי האסע איז פארבינדן מיט אנדערע זאכן און דאן אריינשפרינגען טיף אין די ספעציפישע ווירקונגען פון האסע אויף אן אנגייענדע פארנעם און וויאזוי עס קען ווערן אדרעסירט דורך עדיוקעישאן.

די ניו יארק סטעיט אנטי-האסע אין עדיוקעישאן צענטער און יערליכע צוזאמקום וועט:

- דינען אלץ א קלוגע צענטער וואס ברענגט צוזאמען עקספערטן אין שולעס און רעגירונג צו איבערקוקן, אויספארשן, און אויפקומען מיט לייזונגען צו קאמפליצירטע האסע און דיסקרימינאציע פראבלעמען;
- בויען פארבינדונגען מיט מיטארבעטנדע אנשטאלטן און ארגאניזאציעס, שטיצן אייניגע באמיאונגען צו אידענטיפיצירן געלעגנהייט פאר שריט צו נעמען צוזאמען;
- אנטוויקלען עדיוקעישאן און טרענירונג פאר א סעריע פון סטעיקהאלטער איבער ניו יארק סטעיט;
- מאכן רעקאמענדאציעס איבער ווירקזאמע און גלייכע פראקטיקן צו באקעמפן האסע פארברעכן און דיסקרימינאציע;
- ארויסברענגען פלענער אויף צו אפשאצן די ווירקזאמקייט פון אנטי-האסע איניציאטיוון.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פאר מענטשליכע רעכטן**

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשליכע רעכטן (Division of Human Rights, DHR) האט היינט אנאנסירט פלענער צו פארבעסערן האסע און נגיעות אינצידענט זאמלונג פון אינפארמאציע איבער די סטעיט. DHR'ס האסע און נגיעות פארמיידונג איינהייט וועט אנהויבן א געווידמעטע באריכטונג האטליין און וועט ארבעטן מיט זייער ראיאנישע האסע און נגיעות פארמיידונג קאונסילס צו שטארקן די

הילפסמיטל אין קאמיוניטיס איבער די סטעיט, מיט די ציל פון זען פארבעסערטע זאמלונג פון אינפארמאציע וועלכע קען ארויסהעלפן מיט די אגענטור'ס ווייטערדיגע האסע און נגיעות פארמיידונג ארבעט גייענדיג ווייטער.

DHR האט אויך היינט אנאנסירט פלענער פאר איר האסע און נגיעות פארמיידונג איינהייט צו וואוקשטעלן אן ערשטע-פון-די-סארט קליינע גרענט פראגראם געציל צו ארויסהעלפן קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע זענען פארמישט אין וויכטיגע אינערליכע טיילן פון אנטי-האסע און נגיעות ארבעט. די גרענטס וועלן זיין אוועילעבל צו פינאנצירן פארשידענע קאמיוניטי-באזירטע אנטי-האסע און נגיעות אינציאטיוון, אריינרעכענענדיג אבער נישט באגרעניצט צו פובליק באקאנטשאפט און עדיוקעישאן קאמפיינען, טרענירונג פראגראמען, ווארקשאפס, און קאמיוניטי שטיצע ארבעט נאך פאסירונגען האסע אדער נגיעות. נאך אינפארמאציע איבער די קליינע גרענט פראגראם, אריינרעכענענדיג ווען אפליקאציעס וועלן זיך עפענען און וויאזוי ארגאניזאציעס קענען זיך איינגעבן דערפאר, וועט זיין אוועילעבל אין די קומענדיגע מאנאטן.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון וויקטים סערוויסעס**
די אפיס פון וויקטים סערוויסעס (OVS) ארבעט אויך צו אויסארבעטן איר אפליקאציע פאר וויקטים פארגוטיגונג, וואס וועט העלפן וויקטימס פון אנטיסעמיטיזם און אנדערע פארברעכן, זיך איינגעבן פאר פינאנציעלע הילף פאר פארברעכן-פארבינדענע אויסגאבעס. OVS שטעלט צו א קריטישע פינאנציעלע זיכערהייט נעץ פאר וויקטימס וועלכע האבן נישט קיין אנדערע הילפסמיטלען. ניו יארק סטעיט האט וואוקגעשטעלט איבער 12 געזעצן צו פארברייטערן בארעכטיגונג פאר פארגוטיגונג פון האסן פארברעכן און אנדערע פארברעכן, אריינרעכענענדיג ערלויבן פארגוטיגונג פאר געוויסע פארברעכן וויקטימס אפילו אויב זיי זענען נישט פארוואונדעט געווארן און העכערן די פארגוטיגונג פאר וויכטיגע פארלוירענע אדער געשעדיגטע פראפערטי פון $500 צו $2,500. מענטשן וועלכע זוכן הילף מיט פארגוטיגונג אפליקאציעס, פראגראמען אין זייערע קאמיוניטיס, אדער אנדערע סערוויסעס פאר וויקטימס און איבערלעבער קענען באזוכן [www.ovs.ny.gov/connect](http://www.ovs.ny.gov/connect).

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס**
די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (DCJS) באשטימט די 'פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסן פארברעכן' פראגראם צו געבן פינאנצירונג צו פארשטערקערן זיכערהייט מאסנאמען און פארמיידן האסן פארברעכן קעגן נאנ-פראפיט קאמיוניטי און ציווילע צענטערן, קולטוראלע מוזיומס, דעי קעיר צענטערן, און אנדערע נאנ-פראפיט ארגאניזאציעס וועלכע קענען זיין אין געפאר צוליב זייער אידעאלאגיע, גלויבן, אדער מיסיע. די פינאנצירונג קען ווערן גענוצט צו פארשטערקערן דרויסנדע אדער אינערליכע זיכערהייט פארבעסערונגען, אזויווי לעקטער, שלעסער, אלארמס, פאניק קנעפלעך, צוימען, מויערן, צוטריט קאנטראלירונג, גלאז און פילם וועלכע קענען אויסשטיין אן אויפרייס, סיסטעמען צו אדרעסירן דעם פובליק, און צום ערשטן מאל, מאסנאמען צו פארשטערקערן סייבער-סעקיוריטי. די געלטער קענען אויך דעקן קאסטן פארבינדן מיט סעקיוריטי טרענירונג. DCJS האט שוין געגעבן פינאנצירונג פאר 497 ארגאניזאציעס איבער די סטעיט פאר 1,081 פראיעקטן מיט א סך הכל פון $51,680,910, מיט $8,899,091 געווידמעט פאר 187 סייבער-זיכערהייט פראיעקטן דעם זוממער. די פיסקאלע יאר 2024 אוועקגעשטעלטע בודזשעט שטעלט צו נאך $25 מיליאן דאלאר פאר 'פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסן פארברעכן' גרענטס. די קומענדיגע רונדע פון גרענט פינאנצירונג איז ערווארטעט צו ווערן אוועילעבל דורך א פארלאנג פאר אפליקאציעס אין דעצעמבער 2023.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס האט היינט אנאנסירט כמעט $38 מיליאן צו ווערן אויסגעטיילט צווישן נאן-פראפיט ארגאניזאציעס דורכאויס די סטעיט וועלכע ספראווען זיך מיט א הויכע ריזיקע פון טעראר און געוואלדטאט עקסטרעמיסט אטאקעס. פינאנצירונג

וועט זיין אוועילעבל דורך FEMA'ס נאן-פראפיט זיכערהייט גרענט פראגראם, וועלכע פארשטערקערט די זיכערהייט און גרייטקייט פון רעליגיעזע נאן-פראפיטס איבער'ן לאנד. ניו יארק פירט דאס לאנד אין סיי סך הכל פינאנצירונג און די צאל דערהאלטער, מערסטנס פון זיי וועלכע זענען אידישע ארגאניזאציעס.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
ניו יארק סטעיט פאליציי ארבעט מיט די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס צו עפענען א נייע סעריע פון האסן פארברעכן אויספארשונג סעמינארן. פריערדיגע סעמינארן האבן אריינגערעכנט פארשטעלונגען פון די U.S. אטוירני'ס אפיס פון די צפון דיסטריקט, די FBI, און די אנטי-דעפאמאציע ליגע.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט**
די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) האט געעפנט די לאמפל אויף אידישע אמעריקאנער קאמפיין צו אנערקענען די אייגנארטיגע פראבלעמען ארום אידישע אמעריקאנערס' גייסטישע געזונטהייט און געבן הילפסמיטלען צו אנטוויקלען א וועבינאר פאר די אנגייענדע גלייכקייט סעריע וואס וועט קומען איידער קולטוראלע און רעליגיעזע באטראכטונגען, אדרעסירן אנטיסימיטיזם און אירע ווירקונגען, און געבן בעסטע-פראקטיקן צוגענג אין די באדינגונג פון אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס פאר די קאמיוניטי.

**ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן קאמיסיאנערין בעטי א. ראזע האט געזאגט,** "עדיוקעישאן קען זיין א שטארקער מעדיצין קעגן האסע דורך שטיצן מיטגעפיל, פארשטאנד, און וויכטיגע טראכטן לייזונגען. מיר לערנען זיך נאך א גאנץ לעבן, און ווען מיר באגעגענען זיך מיט אנדערע אויסקוקן און היסטאריעס, שאפט דאס א געפיל פון פארנעמנקייט און אננעמונג, און צום ענדע רייסט עס אראפ נגיעות און אומפארגעבנקייט. איך גלויב שטארק אז מיר מוזן אדרעסירן אומציוויליקייט פון פארנט דורך רעספעקט און א ווילן צו פארשטיין אנדערע אלץ א וועג פון ארויסהעלפן אונזערע קאמיוניטיס און געמיינזאמע צילן."

**SUNY טשאנסעלאר דזשאן ב קינג, דזשוניאר האט געזאגט,** "האסע האט נישט קיין שום פלאץ אין ניו יארק סטעיט. SUNY איז און וועט אלעמאל זיין א פלאץ וואס נעמט אויף אלע סטודענטן, איינגעשטעלטע, און שטאב, און מיר זענען שטאלץ צו געבן אונזער קענשאפט און אונזער שטימע אין די וויכטיגע איניציאטיוו. איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם און אנדערע סארטן פון האסע אין ניו יארק סטעיט."

**CUNY טשאנסעלאר פעליקס ווי. מאטאוס ראדריגעז האט געזאגט,** "CUNY איז אנשלאסן צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם און פארזיכערן א געפיל פון זיכערהייט, וואוילזיין און באלאנגונג פאר אלע ניו יארקער. די ניו יארק סטעיט אנטי-האסע אין עדיוקעישאן צענטער וועט אונז העלפן בעסער נוצן CUNY'ס ערפארונג און בויען אויף אונזערע ברייטע וייטערדיגע באמיאונגען צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם און האסע פון יעדע סארט. מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט מיט אריינברענגען די אינהאלטסרייכע און וויכטיגע שריט, וועלכע נוצט די סטעיט'ס פולע מעגליכקייטן און געבן קלארע אייניגקייט און צילן צו באקעמפן אן אנגייענדע און שעדליכע גלאבאלע פראבלעם."

**טעד דויטש, AJC CEO, עדווארד און סאנדרא מאיער אפיס פון די CEO האט געזאגט,**
"אמעריקאנער אידישע געמיינדע (American Jewish Committee, AJC) איז שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט מיין פריינט און געוועזענע קאלעגע גאווערנער קעטי האקול אויף ניו יארק'ס אינהאלטסרייכע סטעיט שריט צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער און די פילע אנדערע אידישע ארגאניזאציעס פארמשיט אין די וויכטיגע ארבעט צו העלפן ניו יארק זיין דאס ערשטע סטעיט צו איינפירן די אמעריקאנער נאציאנאלע פלאן צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם. צוויי מיליאן אידן רופן ניו יארק סטעיט זייער היים - איינס פון יעדע 10 ניו יארקער זענען

אידיש. צוזאמען, מיט די גאווערנער'ס עפענעונג פון די נייע און פרישע באמיאונגען, וועלן מיר באשיצן די אידישע קאמיוניטי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן